# פּרשת לך לך 5758

## אליגרשון גאָלדין, eligershon@aol.com

ביז אַהער אין בראשית איז דערציילט געוואָרן די אַלגעמיינע מענטשלעכע היסטאָריע, אָבער מיט דער פּרשה, לך לך, הייבט זיך אָן די געשיכטע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

אַבֿרהם אָבֿינו איז געווען פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען וועגן גאָט; ער האָט אַ פּנים געהערט אַז גאָט הייסט אים אַוועקגיין פֿון זײַן לאַנד און זײַן היים צו אַ פֿרעמדן לאַנד וואָס גאָט וועט אים ווײַזן. דאָס איז אַ מאָדנע זאַך: ערשטנס צו הערן פֿון גאָט, און צווייטנס צו הערן אַזאַ באַפֿעל!

אין אַ בוך וואָס איך לייען עס איצט, געשריבן פֿון צירוס ה. גאָרדאָן — דער באַוווסטער לערער און לערנער פֿון די צײַטן פֿון תּנ״ך — מיט זײַנס אַ שותּף, פּראָפֿעסאָר גאַרי רענדסבורג פֿון קאָרנעל־אוניווערסיטעט, דערציילען זיי אַז עס איז געפֿונען געוואָרן אין איינער אַ שטאָט נוזו, ניט ווײַט פֿון איירורעמס לאַנד, אַ סך ליימענע טאָוולען. די טאָוולען דערציילן מיט אַלע פּיטשקעוועס ווי מע האָט געלעבט אין דער צײַט; און עס ווײַסט אויס אַז דאָס וואָס איז געשריבן אין בראשית וועגן אַבֿרהמען (און שפּעטער מיט יצחק און יעקבֿ) ווערט באַשטעטיקט פֿון די דאָזיקע טאָוולען פֿון נוזו.

אין אונדזער געזעלשאַפֿט אַז עמעצער רעדט מיט גאָט דענקט מען אַז ער איז נעבעך ניט מיט אַלעמען, אָבער אין דער צײַט פֿון אַבֿרהמען, און אין זייער געזעלשאַפֿט, זאָגט גאָרדאָן, איז גאָר ניט געווען אומגעוויינטלעך אַז מע זאָל רעדן מיט גאָט און מיט דערזעעניש, און אויכעט צו טראַכטן אַז אַ פֿרעמדער איז אפֿשר טאַקע אַ מלאַך מיט אַ הייליקן שליחות. דערפֿאַר, שרײַבט גאָרדאָן, ווען מע לייענט די תּורה דאַרף מען פֿאַרשטיין אַז אין יענער צײַט האָבן די אַמאָליקע העברעער קאָמוניקירט מיט גאָט ווײַל אַזוי איז געווען זייער מינהג. אַבֿרהם האָט געפֿילט גענוג היימיש מיט גאָט אַז ער האָט זיך געלאָזט האַנדלען מיט אים אַזוי ווי מיט איינעם אַ פֿרײַנט.

וואָס איז שייך דעם באַפֿעל וואָס גאָט האָט געגעבן אַבֿרהמען אַז ער זאָל אַוועקגיין פֿון זײַן היים, קען מען פֿרעגן, ״פֿאַרוואָס איז דאָס געווען נייטיק?״ האָט ער אים ניט געקענט ווײַזן דעם ריכטיקן וועג בײַ אים אין דער היים, אין זײַן שטאָט אור קאַסדעם? בײַם סוף פֿון פּרשת נויעך שטייט געשריבן אַז טעראַך איז שוין אַוועק קיין כּנען מיטן זון אַבֿרהם, דעם אייניקל לאָט, און דער שנור שׂרי. אויף וויפֿל איך פֿאַרשטיי איז אַבֿרהם שוין געווען אַוועק פֿון זײַן שטאָט אור, און איז געווען אין שטאָט חרן ווען גאָט האָט אים געהייסן גיין קײַן כּנען.

דער תּירוץ איז, דענק איך, אַז די קנענאַנעם זײַנען געווען זייער שלעכטע מענטשן, און עס איז ניט נאָר וואָס גאָט האָט געוואָלט אַרײַנשטעלן אַבֿרהם און זײַנע אָפּשטאַמלינגען אין אַ לאַנד קדיי צו דינען גאָט, אָבער ער האָט אויך געוואָלט אַרויסטרײַבן די פֿאַסקודנע מענטשן פֿונעם לאַנד. [דאָס שטימט מיט פּירוש רש״י. ש״ב]

דערנאָך דערציילט די פּרשה וועגן די מלחמות צווישן די עטליכע קעניגן (ס׳איז אָבער שווער צו פֿאַרשטיין ווער זיי זײַנען געווען). מיר זעען אָבער אַז אַבֿרהם מיט זײַן חבֿרה האָבן געראַטעוועט לאָטן פֿונעם קעניג וואָס האָט אים צוגעכאַפּט.

און ווידער אַ מאָל האָט גאָט גערעדט מיט אַבֿרהמען וועגן זײַן אָפּשטאַמלינגען. אַבֿרהם האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין ווי אַ מענטש אָן קינדער וועט קענען האָבן אַזאַ צוקונפֿט. ער האָט אָבער אָפּגעטאָן מיט גאָט אַן אָפּמאַך אַז עס וועט טאַקע זײַן. אַזוי טיף איז אַ פּנים געווען זײַן גלייבן.

די געשיכטע דערציילט ווײַטער ווי אַזוי סאָרײַ האָט געלאָזט איר דינסט, הגר, ווערן פֿאַר איר אַ ירושה־ריכטערין (בל״ז ״surrogate mother״), ד״ה אַ פּילגעש. און וואָס פֿאַר אַ צרות איז פֿון דעם געוואָרן! (און איז עס נישט אַזוי אויך אין אונדזערער תּקופֿה?) דערווײַלע האָט גאָט צוגעזאָגט אַבֿרהמען אַז דער דאָזיקער זון פֿון הגר, ישמעאל, פֿון אים וועט אויך ווערן אַ גרויסער פֿאָלק. ער וועט אָבער זײַן אַ פּערע אָדאָם (ר.קאַפּלאַנס טײַטש איז רעבעל) און וועט קריגן מיט אַנדערע. אַזוי ווי מען זאָגט אַז זײַנע אָפּשטאַמלינגען זײַנען אונדזער קוזינען, די אַראַבער, איז דאָס אַ פּנים ריכטיק.

צום סוף פּרשה שטייט אַז סאָראַי וועט ווערן טראָגעדיק, ניט קוקנדיק אויף איר עלטערע יאָרן. אָבער אַבֿרהם האָט פֿריִער געמוזט זיך מאַל זײַן. אפֿשר איז דאָס געווען אַ רפֿואה פֿאַר אומפֿרוכפּערדיקייט, ווײַל מיר ווערן זען אין קומעדיקער

פֿרשה אַז סאָרײַ איז טאַקע געוואָרן טראָגעדיק און געהאַט אַ זון אין אירע עלטערע (90ער) יאָרן. (אויך אין אונזער צײַט, ניט לאַנג צוריק, האָט אַן עלטערע ווײַב געטראָגן אַ קינד — אָבער מיט דער הילף פֿון דער מעדיצינישער ווייסנשאַפֿט!)

מיר זײַנען די יורשים פֿון דעם יצחק, דער זון פֿון שׂרה, און דאָס איז אונזער ייִחוס. מיר קענען אַלע מיט דעם שטאַרק שטאָלצירן זיך.